**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/2/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט די אנהויב פון 17.8 מיליאן דאלארדיגע אויספלאסטערונג פארבעסערונג פראיעקט אויף I-87/I-287 אין ראקלענד קאונטי**

***פראיעקט רעכנט אריין פארערכטונגען און איבער-אויספלאסטערונג פאר פארנומענע טייל פון הייוועי***

***אלע ארבעט צו פארקומען איבערנאכט צו באגרעניצן טראפיק שטערונגען***

***פראיעקט אין פלאן צו פארענדיגט ווערן אין הערבסט 2022***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון א 17.8 מיליאן דאלארדיגע אויספלאסטערונג פארבעסערונג פראיעקט אויף די ניו יארק סטעיט טרו-וועי (I-87/I-287) אין ראקלענד קאונטי. די ארבעט וועט דעקן א כמעט אכט מייל-לאנגע שטרעקע פון די Governor Mario M. Cuomo בריק אין סאוט נייעק צו עטוואס נאך עקזיט A14 (ספרינג וואלי - נעניוּעט - NY Route 59) אין ראמאפאו.

"די לאָווער האדסאן וואלי ראיאן איז א קריטישע אדער פאר ביזנעס און דרייווער וועלכע פארן צו און פון ניו יארק סיטי און ווייטער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אינוועסטירונג וועט העלפן זיכער מאכן א זיכערע און גלאטערע רייזע פאר די צענדליגע טויזנטע טרו-וועי רייזנדע וועלכע נוצן די טייל פון די הייוועי יעדן טאג. מיין אדמיניסטראציע איז גאר קאנצעטרירט אויפן בויען די אינפראסטראקטור פון די צוקונפט דורכן פארבעסערן רייזע פארבינדונגען, איבערמאכן וויכטיגע ראודס און בריקן און צוריק בויען בעסער און שטערקער פון סיי ווען בעפאר."

דער פראיעקט רעכנט אריין דאס באנייען די אויספלאסטערונג דורכן דורכפירן קראצן און אנפילן אפעראציעס צו א צוויי-אינטשיגע טיפקייט פון די מייל שילד 16.4 ביז מייל שילד 24 אין צפון און דרום ריכטונגען, אריינרעכענענדיג פינף אינטערטשעינדזש ראמפעס פון סאוט נייעק (עקזיט 10) צו ספרינג וואלי (עקזיט 14). נאך ארבעט רעכנט אריין צולייגן מער צוריקשיינענדע ליניע שטרייפן, נייע שילדן און אפלויף סיסטעם פארבעסערונגען. Crisdel Group, Inc. איז דער פראיעקט קאנטראקטאר וואס האט געוואונען די ליציטאציע פראצעדור.

אלע ארבעט וועט פארקומען בייינאכט צו באגרעניצן די ווירקונג אויף טראפיק און איז ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן ביז סוף הערבסט 2022. מאטאריסטן וועלן מעגליך אנטרעפן פארשלאסענע לעינס אויף דעם טרו-וועי ווי אויך טראפיק ענדערונגען און אפשטעלונגען בשעת קאנסטרוקציע וועט זיין אינטערוועגנס. אלע ארבעט ווענדט זיך אויף די וועטער און קען זיך טוישן. מאטאריסטן ווערן שטארק געבעטן צו זיין באווארנט און נאכפאלגן די ארבעט זאנע ספיד לימיטס אויף די שילדן און ווערן דערמאנט אז קנסות זענען געטאפלט פארן פארן שנעל אין אן ארבעט זאנע. אין איינקלאנג מיט דער ארבעט זאנע

זיכערהייט געזעץ (Work Zone Safety Act) פון 2005, קען דאס באשולדיגט ווערן צוויי אדער מער מאל מיט ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאנע ברענגען צו דאס סוספענדירן פון דעם מענטש'ס דרייווער לייסענס.
**טרו-וועי אויטאריטעט (Thruway Authority) עקזעקיוטיוו דירעקטאר מעטיו דזש. דריסקאל האט געזאגט,** "די I-87/287 ראוד איז איינס פון די פארנומענסטע טיילן פון די טרו-וועי, און פארבעסערן די אויספלאסטערונג שפילט א קריטישע ראלע אינעם פארזיכערן זיכערע רייזע און אינעם שטיצן ביזנעס. דער הייוועי פריאעקט איז טייל פון די טרו-וועי אויטאריטעט'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן דאס ערפארונג פון דרייוון פאר אלע וועלכע נוצן אונזערע געסער."

**סטעיט סענאטאר עלייזשע רייקלין-מעלניק האט געזאגט,** "זיכערהייט און אינפראסטראקטור פארבעסערונגען וועלן פארבעסערן די שטרעקע פון די ראוד פון די ראקלענד זייט פון די נייע Mario M. Cuomo בריק ביז עקזיט 14 אויף די נעניועט/ספרינג וואלי גרעניץ. איך בין דאנקבאר פאר די טרו-וועי אויטאריטעט פארן לייגן אלץ פריאריטעט די אינוועסטירונג אין די גאר פארנומענע ראוד וואס האט געזעהן א וואוקס אין טראפיק מאס יעדע יאר."

**אסעמבלי מיטגליד מייקעל לאולער האט געזאגט,** "איך בין גאר באגייסטערט צו זעהן אז די גאווערנער און די טרו-וועי אויטאריטעט האבן אויסגעוועהלט די שטרעקע פון די טרו-וועי – איינס פון די פארנומענסטע ראודס – אין ראקלענד קאונטי אלץ פריאריטעט פארן ווידער אויספלאסטערן. די שטאפל פון אינוועסטירונג איז קריטיש פאר אונזערע איינוואוינער און רייזנדע, באזונדערס פאר די וועלכע פארלאזן זיך אויפן טרו-וועי יעדן טאג צו קומען פון און צו די ארבעט. אזוי ווי איך האב געזאגט פילע מאל — עס קומט זיך פאר ראקלענד קאונטי טעקס באצאלער מער ווען עס קומט צו סטעיט הילף פאר אינפראסטראקטור און טראנספארטאציע, און איך בין פרייליך אז מיר קענען ברענגען די רעסארסן וועלכע זענען נויטיג צו פארענדיגן דעם פריאעקט. איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט מיינע שותפים אויף די סטעיט און לאקאלע שטאפלען צו ברענגען די רעסארסן וועלכע זענען נויטיג צו פארבעסערן אונזערע ראודס דא אין ראקלענד קאונטי."

**אסעמבלי מיטגליד קען זעבראַוסקי האט געזאגט,** "פאר יארן האב איך געשתדל'ט פאר מער פינאנצירונג צו מאדערניזירן אונזער פארעלטערנדע אינפראסטראקטור און פארבעסערן די צושטענד פון אונזערע ראודס. איך בין באגייסטערט צו זעהן די פארבעסערונג באמיאונגען פארקומענדיג איבער גאנץ ראקלענד קאונטי. דער פראיעקט איז קריטיש וויכטיג, אזוי ווי צענדליגע טויזנטע ראקלענדער נוצן די שטרעקע פון די טרו-וועי יעדן טאג צו אנקומען פון איין פלאץ צום אנדערן. איך דאנק גאווערנער האקול און די טרו-וועי אויטאריטעט פאר זייער אנגייענדע ארבעט צו ברענגען מער פינאנצירונג צו קאפיטאל אינפראסטראקטור פראיעקטן, און איך קוק ארויס צו זעהן די ראוד פארבעסערונגען מקוים ווערנדיג דורכאויס די בעפארשטייענדע חודשים."

**ראקלענד קאונטי עקזעקיוטיוו עד דעי האט געזאגט,** "דאס איז א גאר פארנומענע ראוד, און איך בין זיכער אז די אינוועסטירונגג דורך ניו יארק סטעיט וועט פארשטערקערן די ציהענדע עקאנאמישע אטמאספערע וואס וואקסט שטערקער און שטערקער אין ראקלענד קאונטי. מיין אדמיניסטראציע באדאנקט גאווערנער קעטי האקול פאר איר שטיצע, און מיר קוקן ארויס פאר ווייטערע פארבעסערונגען פון אונזערע אינטערסטעיט הייוועיס וויבאלד מיר ווייסן אז פיל, פיל מער דארף נאך געטוהן ווערן פאר ראקלענד דרייווערס וועלכע פארן פון און צו אונזער קאונטי."

דרייווערס ווערן ערמוטיגט צו באזוכן [thruway.ny.gov](thruway.ny.gov)פאר די לעצטע טראפיק אפדעיטס און דאַונלאָודען די טרו-וועי אויטאריטעט'ס [אומזיסטע טעלעפאן עפּ](#) און זיך איינשרייבן פאר [TRANSalerts](#) פאר טראפיק אינפארמאציע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן